בסיעתא דשמיא

גליון פרדס התורה

פרשת כי תצא

תשפ"ו

אידיש

נתנדב לזכות הרבים

# א קוואל פון חיזוק



מאמר הפרשה • חודש אלול • טבריא של מעלה




## י"ל ע"י מערכת 'פרדס התורה' לכתיבת ועריכת שיעורי מורינו הרב שליט"א

◆ ◆ ◆

הגליון יצא לאור בהסכמת גדולי ישראל בארץ הקודש, דייני העדה החרדית, וגדולי רבני ארה"ב

(ההסכמות במילואם נמצא בספר 'טבריא של מעלה' שיצא לאור ע"י מורינו הרב שליט"א)

◆ ◆ ◆

### די גליונות קען מען באקומען ביי די פאלגענדיגע לאקאלן:

<u>בארא פארק</u>

ביהמ"ד שומרי שבת

5302 13 Ave.

ביהמ"ד עדת יראים וויען

1350 50 St.

ביהמ"ד הדרת קודש סוואליווע

4801 15 Ave.

<u>וויליאמסבורג</u>

בנין בראך למטה לאקער #405

Bedford Cor. Park

כתר רזשודעיקא

801 Bedford Ave.

מאורות

218 Wallabout St.

<u>מאנסי</u>

ביהמ"ד זוועהיל

101 W Maple Ave.

שיינער'ס שול

18 Forshay Rd.

<u>קרית יואל</u>

כתר רזשודעיקא

97 Acres Rd.

<u>לעיקוואר</u>

כתר רזשודעיקא

12 America Ave.

ביהמ"ד סאטמאר

405 Forest Ave.

ביהמ"ד צאנז קלויזענבורג

25 Havens Ave.

ביהמ"ד בעלזא

44 Grove Springs Ct.

טאמס ריווער

ביהמ"ד קהל בני יששכר

1767 Whitesville Rd.

<u>פלטבוש</u>

MB VINEYARD

3012 AVE J

◆ ◆ ◆

©

להצטרפות קבלת שיעורי מורינו הרב שליט"א והגליונות באימייל, ניתן לפנות:

shiurimlishmo@gmail.com

להצטרפות קבלת הגליונות לבד באימייל, ניתן לפנות:

pardesgilyones@gmail.com

# פרדס התורה

שיעורי
הרה"ג רבי יששכר יהודה
בערקווי שליט"א
אב"ד פרדס התורה
מח"ס שו"ת יהודה מחוקקי

פרשת כי תצא
תשפ"ו
גליון 42

אידיש

זכות פטרון השנה נתנדב לעילוי נשמת
אלטע פערל רויזא בת הרה"ח ר' חיים משה ע"ה
נפטרה ו' ניסן האי שתא אחר קבלת יסורים באהבה ובאמונה ובטחון,
והיתה למופת לזה לכל משפחתה ומכירי' • ת.נ.צ.ב.ה.


## אינעם גליון:


3 מאמר הפרשה

6 קורצע חיזוק

6 חודש אלול

9 טבריא של מעלה


## מאמר הפרשה

# די עצם מלחמת היצר איז די גרעסטע הצלחה

**"כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ"** (דברים כא, י).

איינע פון די גרעסטע פראבלעמען וואס א מענטש האט, איז אז ער איז מורא'דיג צובראכן ביי זיך, ווייל ער מאכט א חשבון אין זיין מלחמת היצר און אין זיין עבודת השם כאילו ס'איז עפעס א 'גראסערי געשעפט'. ער קוקט סוף טאג, סוף וואך, סוף חודש, אדער סוף יאר, ער נעמט ארויס דעם צעטל און ער קוקט:

**וויפיל מאל האב איך מיך יא איינגעהאלטן פון ראיות אסורות, און וויפיל מאל האב איך מיך נישט איינגעהאלטן? וויפיל מאל האב איך מיך איינגעהאלטן פון לשון הרע, און וויפיל מאל נישט? וויפיל מאל בין איך געקומען אין צייט צו דאווענען און וויפיל מאל נישט? וויפיל מאל האב איך געהאט כוונה ביי די ברכות און וויפיל מאל נישט?**

און ממילא, נאכדעם וואס ער רעכנט צוזאמען דעם גאנצן צעטל, ווערט ער אינגאנצן צוקנאקט און צובראכן.

### דער ערשטער חלק אין מלחמת היצר: "האלטן חשבון"

קומט אבער דער הייליגער **מאור ושמש** זי"ע מיט'ן הייליגן **תפארת שלמה** זי"ע און זיי זאגן א מורא'דיגן יסוד: זאלסט וויסן אז עס זענען דא צוויי חלקים אין מלחמת היצר. אוודאי און אוודאי דארף א מענטש האלטן א חשבון, מען קען נישט לעבן א לעבן פון הפקרות. און אוודאי דארף א מענטש זיך רוקן פאראויס אין עבודת השם, און אויב ער רוקט זיך נישט, דארף ער איבערגיין דעם חשבון, ער דארף איבערקוקן זיין צעטל און זיינע גדרים וסייגים צו זען וואס דא טוט זיך. ווייל בפשטות איז דער נארמאלער אופן אז א מענטש דארף זיך רוקן פאראויס אין התמדה, ער דארף זיך רוקן אין כוונת התפילה, אין שמירת עינים, און אין שמירת המחשבה. אבער דאס איז נאר **איין חלק** אין מלחמת היצר.

### דער צווייטער חלק אין מלחמת היצר: "עבד ה' אני!"

עס איז אבער דא א **צווייטער חלק** אין מלחמת היצר, וואו דארטן ביסטו א הונדערט פראצענטיגער געווינער. אפילו דו האסט גארנישט געמאכט קיין חשבון, און נאך מער - אפילו אויב די חשבונות ווייזן אז דו האסט נישט מצליח געווען, ביסטו אין דעם חלק מלחמת היצר אייביג א געווינער, אפילו ווען דער צעטל ווייזט אנדערש. וואס איז דאס?

די עצם זאך אז דער רבוש"ע רופט אויס: **"ווער וויל קומען זיין א גענעראל אין מיין ארמיי? ווער וויל זיין א סאלדאט אין מיין ארמיי? ווער וויל זיין אן עבד ה'?"**

און מיר רופן זיך אָן **"נעשה ונשמע!"** - נישט נאָר בשעת מתן תורה, נאָר יעדן טאג אינדערפרי.

א איד וואס שטייט אויף צופרי, ער זאגט 'מודה אני', ער וואשט זיך נעגל וואסער, ער זאגט ערליך ברכת התורה, ער מאכט א הכנה פאר'ן דאווענען, ער גייט אין מקוה, ער לערנט פאר'ן דאווענען, ער גייט אין שול און ער דאווענט מיט מנין - מיט דעם אלעם האט ער אויסגעשריגן "עבד ה' אני", איך בין אַן עבד ה'. מיט דעם האט ער זיך אנגערופן און אויסגעשריגן בפני כל עם ועדה, פאר די גאנצע סטרא אחרא וחיילותיו, ער האט אויסגעשריגן בקול גדול מיט א מחאה גדולה קעגן דעם יצר הרע וכל הגינדא דילי':

**"עבד ה' אני! איך בין אן עבד ה',**

## איך בין א גענעראל אין דעם רבונו של עולם'ס ארמיי!"

און מיט דעם זענען מיר '**הונדערט פראצענט**' געווינער. אפילו אויב '**למעשה**' איז דאס דאווענען נישט אזוי געלונגען בחיצוניות, און אויבנאויף איז די שמירת עינים נישט געלונגען, די התמדה איז נישט געלונגען, און די כוונת הברכות איז נישט געלונגען - אבער אין דעם חלק וואס דו האסט זיך אָנגערופן און געזאגט פאר'ן רבוש"ע "איך קום זיין א גענעראל אין דיין ארמיי", מיט דעם ביסטו א הונדערט פראצענטיגער געווינער.

## "כי תצא למלחמה" נישט "כי תהיה במלחמה"

לאמיר עס אביסל מסביר זיין. אין פסוק שטייט: "כי תצא למלחמה על אויביך". דער הייליגער מאור ושמש און דער הייליגער תפארת שלמה זענען מדייק:

עס שטייט נישט "כי **תהיה** במלחמה", אז מען האלט שוין אינמיטן די מלחמה, נאָר עס שטייט "כי **תצא** למלחמה" - דו גייסט נאָר ארויס אין מלחמה. דאס מיינט, דער רבוש"ע רופט אויס: "ווער וויל זיין א סאלדאט אין מיין ארמיי? ווער וויל אריינגיין אין מלחמת היצר?" און מיר רופן זיך אָן: "יא, מיר גייען אריין אין די מלחמה!" דאס איז דער טייטש פון "כי תצא למלחמה" - איך גיי ארויס אין די מלחמה.

ווען איך זאג 'מודה אני' צופרי, איך וואש נעגל וואסער, מיט דעם האב איך געמאכט א הכרזה אז איך גיי ארויס אין מלחמה קעגן דעם יצר הרע.

זאגט דער פסוק ווייטער א הבטחה, ווי דער הייליגער **כלי יקר** ברענגט אראפ פונעם **ילקוט** און ווי דער הייליגער **מדרש** זאגט: "**וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹהֶיךָ בְּיָדֶךָ**" - **דער אייבערשטער וועט אים איבערגעבן אין דיין האנט.**

וואס איז דער פשט?

איז דער תפארת שלמה מסביר: **דאס אליינס וואס דו ראנגלסט זיך מיט'ן יצר הרע, דאס אליינס איז די גרעסטע הצלחה, און מיט דעם אליינס ביסטו שוין א געווינער!**

## דער יסוד פון חיזוק און שמחה אין עבודת השם

דער יסוד איז א געוואלדיגע חיזוק און א געוואלדיגע סיפוק וואס פאדערט זיך פאר עבודת השם.

**א'**, מען דארף עס וויסן ווייל דאס איז טאקע דער אמת. די הייליגע צדיקים האבן אונז מגלה געווען אז דאס איז אַן אמת'דיגער יסוד, אז **דאס וואס איך רוף אויס אז איך בין אַן עבד השם, דאס אליינס איז די גרעסטע הצלחה.**

**ב'**, דא ליגט נאך א שטארקער יסוד. כדי א מענטש זאל מצליח זיין אין מלחמת היצר, איז דער הייליגער **בעל התניא** זי"ע (פרק כ"ו) מאריך זייער שטארק דערין, און דער זעלבער יסוד שטייט אויך אין **נפש החיים** (שער א').

דער הייליגער בעל התניא ברענגט אראפ א משל פון איינעם וואס איז א גיבור חיל, ער איז אויסגעשטאַט מיט אלע מיני משוכלל'דיגע כלי זיין קעגן דעם שונא. קעגן אים שטייט א שונא, א שוואכער מענטש וואס האט נישט קיין געווער, ממש גארנישט.

זאגט אבער דער בעל התניא, אויב דער שוואכער שונא וואס האט נישט קיין געווער זעט אז דער גיבור חיל מיט אלע זיינע משוכלל'דיגע כלי זיין איז צובראכן ביי זיך, ער איז שוואך, ער איז בעצבות און אין מרה שחורה און ער האט נישט קיין מוט - דעמאלטס קען דער שוואכער שונא באזיגן דעם שטערקסטן גיבור.

זאגט דער הייליגער בעל התניא: א אידיש קינד האט א נשמה קדושה, ער איז א חלק אלוקַ ממעל. דער רבוש"ע כביכול לאזט רוען זיין שכינה, "וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" (שמות כט, מה). א אידיש קינד איז ארומגענומען מיט מלאכים, ווי עס שטייט (תהלים צא, יא) "כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה לָּךְ לִשְׁמָרְךָ בְּכָל דְּרָכֶיךָ". א אידיש קינד האט מלאכים פון די רעכטע זייט און מלאכים פון די לינקע זייט, פון אלע זייטן איז ער אפגעהיטן. קומט אויס אז א אידיש קינד איז א גיבור חיל און ער האט דאס גרעסטע געווער, בפרט ווען מען לערנט, מען דאווענט און מען טוט מצוות.

קומט אויס **אז די סטרא אחרא איז ממש ווי וואַקס וואס צעגייט פאר א פייער, די סטרא אחרא דארף ווען גלייך פארשווינדן!**

## די טאקטיק פונעם יצר הרע צו צעברעכן דעם מענטש

'**למעשה**' אבער, זאגט דער בעל התניא, קומט דער יצר הרע מיט א מורא'דיגער טאקטיק: ער צעברעכט דעם מענטש, ער נעמט אים צו דעם מוט און דעם גייסט, און ער זאגט אים: "**דו ביסט גארנישט ווערד**".

ווי אזוי צעברעכט ער אים?

ער זאגט אים: "**מאך א ליסטע, קוק אן ווי אזוי דו האסט מצליח געווען אין עבודת השם. מאך א ליסטע וויפיל מאל דו ביסט דורכגעפאלן אין עבירות. קוק אן ווי אזוי דו זעסט אויס; עס זענען שוין דורכגעגאנגען עטליכע יאר און דו האסט זיך כמעט גארנישט גערוקט...**" - מיט דעם צעברעכט ער דעם מענטש.

און ממילא, כאטש מיר זענען גיבורי חיל און מיר האבן אלע מיני משוכלל'דיגע כלי זיין, מיר האבן א נשמה קדושה, מיר האבן השראת השכינה, מיר האבן מלאכים ארום זיך און מיר האבן תורה ומצוות - אבער וויבאלד דער יצר הרע האט אונז צעבראכן, קען דער שוואכער שונא, דער יצר הרע מיט די סטרא אחרא וחילותיו, אונז באזיגן מיט א געוואלדיגע לייכטקייט, ה' ישמרנו ח"ו.

אבער דורך דעם וואס מיר האבן יעצט מסביר געווען אז א אידיש קינד איז א מצליח. פארוואס ווערן מיר א מצליח? ווייל די עצם זאך וואס מיר האבן געזאגט "עבד ה' אני", און דער רבוש"ע שרייט אויס "מי לה' אלי", ווער וויל אריינקומען אין מלחמת היצר, און מיר זאגן יעדן צופרי "מודה אני לפניך", מיט דעם אליין האבן מיר שוין מצליח געווען.

**ווען שפירט א מענטש אז ער האט הצלחה?**

**ווען זעט א מענטש אז ער האט הצלחה?**

א מענטש שפירט אז ער איז א מצליח ווייל די עצם זאך וואס ער האט אויסגעשריגן "איך בין א גענעראל אין דעם אייבערשטנ'ס ארמיי", מיט דעם אליין האט ער באקומען די

שענסטע מעדאל, ער האט באקומען א גאלדענע מעדאל פון "עבד ה' אני". **דאס אליין גיט א מענטש אזוי סאך חיזוק, און ווען א מענטש האט חיזוק, קען ער יעצט באזיגן דעם יצר הרע מיט גאר גרויס לייכטקייט. ווייל קעגן א נשמה קדושה איז דער יצר הרע און די סטרא אחרא כאין וכאפס, ממש ווי גארנישט פארן פייער.**

## דער משל פונעם גענעראל וואס פאָרט צום מלך

ס'איז אמאל געווען צוויי מלכים פון צוויי קעניגרייכן וואס האבן זיך געקריגט איבער א גרויסן גענעראל. יענער גענעראל האט געוואוסט ווי אזוי צו פירן מלחמות, ער איז געווען א קלוגער און א געטרייער מענטש. די צוויי מלכים האבן זיך געקריגט, און יעדער קעניג האט פרובירט אים צו מפתה זיין אז דער גענעראל זאל קומען דינען אין זיין מדינה און אין זיין לאנד. יעדער קעניג האט אים צוגעזאגט א ריזיגן געהאלט, מתנות, און כבוד מלכים.

אזוי איז עס אנגעגאנגען א חודש, צוויי, דריי, און ביידע מדינות האבן ארויסגעקוקט צו זען וואס דער גענעראל וועט מחליט זיין, צו וועלכן מלך און צו וועלכער מלכות ער וועט גיין.

ויהי היום, מ'האט געהערט מורא'דיגע נייעס: מ'האט געזען דעם גענעראל רייטן אויף א פערד און ער איז אויפ'ן וועג צום פאלאץ פונעם מלך אויף דער מזרח זייט. עס איז ארויס א קול איבער די גאנצע מדינה אז דער גענעראל האט מחליט געווען אז ער וויל גיין צום מזרח מלך. די וואס זענען געווען אויף דער מערב זייט,



זענען געווארן צובראכן און צוקנאקט. פארוואס? ווייל מ'האט געהערט אז דער גענעראל איז פשוט אויפ'ן וועג צו יענעם פאלאץ.

לאמיר זיך דא אָפּשטעלן. דער גענעראל וואס פארט אויף זיין פערד צום פאלאץ פונעם קעניג האט נאכנישט גערעדט מיט'ן קעניג, ער האט נאכנישט געטראפן די ארמיי, ער איז נאך בכלל נישט אריינגעגאנגען אין מלחמה, און ער האט נאך גארנישט געהאלפן די מדינה וואו ער גייט... **אבער די עצם זאך אז ער פאָרט אין יענע ריכטונג, צום פאלאץ, דאס אליין ווייזט שוין אז ער באלאנגט צו יענער מדינה.** דאס איז גענוג אז זיי זאלן זיין בשמחה און די אנדערע מדינה זאל זיין אינגאנצן צובראכן.

**ביי א אידיש קינד איז דאס זעלבע:**

דאס אליין וואס ער שטייט אויף צופרי און זאגט 'מודה אני', שרייט ער אויס "כי תצא למלחמה על איבך" - ער שרייט אויס אז ער גייט אויפ'ן וועג צום פאלאץ פונעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא. אפילו ער איז נאך נישט געווען אין קיין מלחמה, ער האט נאך נישט געפירט קיין מלחמת היצר, און ער האט נאך בכלל נישט אנגעהויבן זיין עבודת ה', אבער ---

**די עצם זאך אז ער זאגט 'מודה אני' און ער גייט אויפ'ן וועג, מיט דעם האט ער אויסגעשריגן "עבד ה' אני" און אז ער באלאנגט צו דער מלכות דקדושה! דאס אליין מאכט די סטרא אחרא וחילותיו אירע חיל אינגאנצן צוקנאקט און צובראכן!**

א מענטש דארף מאכן א חשבון: אפילו דו האסט נאך נישט אנגעהויבן קיין מלחמת היצר, אדער אפילו דו האסט יא געהאט א מלחמת היצר און דו זעסט נישט קיין הצלחה בחיצוניות, אבער די עצם זאך אז דו ווילסט גיין צום פלאץ פונעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, דאס אליין מאכט א שמחה פאר די גאנצע פמליא של מעלה, און די סטרא אחרא מיט אירע חיל זענען צעקנאקט. **דאס איז דער פשט פון "כי תצא למלחמה על אויביך" - דאס עצם ארויסגיין דארף געבן פאר א מענטש א מורא'דיגע חיות.**

## די הבטחה פון "ונתנו ה' אלקיך בידך"

דער פסוק זאגט ווייטער: "וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ". ווען א מענטש וועט מחשיב זיין אז דאס "כי תצא למלחמה" איז שוין אַן הצלחה פאר זיך אליינס, וועט אים דאס געבן כח שפעטער דורכ'ן טאג ווען ער וועט האבן נסיונות און א מלחמת היצר - צי עס איז לשון הרע און רכילות, שמירת עינים, כוונות בברכות, צי זאכן בין אדם למקום אדער בין אדם לחבירו. אויב דו וועסט פארשטיין אז דאס עצם ארויסגיין אין מלחמה איז שוין אַ הצלחה, וועסטו זוכה זיין צום חיזוק פון "ונתנו ה' אלקיך בידך". דער אייבערשטער זאגט צו: "איך וועל דיר געבן דעם יצר הרע אין די האנט", ווייל בעצם זענען דער יצר הרע און זיינע חיל ממש כהינדף עשן, זיי זענען א גארנישט קעגן די נשמה קדושה פון א איד.

**דער אייבערשטער זאל העלפן מ'זאל מצליח זיין אין אלעם וואס מען טוט, און מיר זאלן זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר!**

## קורצע חיזוק

# די חשיבות פון קליינע פעולות

### דער משל פונעם לעצטן פליגער

איינע פון די גרעסטע פראבלעמען פארוואס א מענטש טוישט נישט זיין לעבן, איז ווייל ער כאפט נישט ווי חשוב יעדע פיצעלע זאך איז וואס ער טוט.

לאמיר עס אביסל מסביר זיין.

א מענטש געפינט זיך אין א לאנד וואו עס קומט פאר א שווערע מלחמה. אויב ער בלייבט דארטן, איז ער ממש בבחינת א ספק חי, און די היפוך דערפון ח"ו. פלוצלינג בסייעתא דשמיא האט ער באקומען א טיקעט און ער קען נעמען די לעצטע פליגער וואס גייט יעצט ארויספליען. ער האט נאך פינף סעקונדעס ארייצוטאנצן פאר די טיר פארמאכט זיך.

**"וואס פאדערט זיך פון אים ער זאל יעצט ראטעווען זיין לעבן און ארויסגיין פון די טונקעלע מדינה וואו ער געפינט זיך?"**

דער תירוץ איז: איין קליינע פעולה,**איין קליינע טאנץ אין די פינף סעקונדעס!**

איינמאל דו האסט אריינגעטאנצן אין דעם פליגער, ביסטו שוין אין די לופטן און דו ביסט ארויס פון סכנה.

### יעדע קליינע מצוה איז א רעטונג

א מענטש דארף וויסן אז דער יצר הרע און די סטרא אחרא לאקערן אויף אים. ס'איז זייער טונקל, און ער געפינט זיך אין א מורא'דיגע מקום סכנה.

אבער ווען א מענטש טוט "איין קליינע פעולה" (-און אונזערע אויגן זעט עס אויס קליין אבער אויבן אין הימל איז עס גאר גרויס) א כוונה ביי 'אשר יצר', א כוונה ביי א ברכה 'שהכל', א כוונה ביי 'הללוקה' ביים דאווענען, איין שמירת עינים מער, אדער איין לשון הרע ווייניגער, **מיט דעם האסטו אריינגעטאנצן אין פליגער און דו ביסט ארויס פון די טונקעלע מלחמה!**

די קליינע פעולה דו האסט אריינגעטאנצן אין א פליגער באדייט:

א. די פעולה האט דיך ארויסגענומען פון דעם מקום סכנה,

ב. און פון דארטן און ווייטער בסיטו שוין אין די הויכע הימלען - ווערסטו שוין וואקסן און שטייגן.

**ווען מיר קוקן אָן א קליינע פעולה אלס עפעס נישטיג, מיינט עס אז מיר בלייבן אין די טונקעלע מדינה, מיר בלייבן אין די טונקעלע סטרא אחרא. דאס איז א גרויסע טעות! יעדע קליינע פעולה מיינט אז דו האסט יעצט ארויסגעטאנצן פון דער טונקעלער שטאט און דו האסט אריינגעטאנצן אין דעם פליגער!**

**א. דאס מיינט די ביסט ארויס פון א מקום סכנה.**

**ב. איינמאהל די ביסט אין די פליגער ביסטו שוין אין די הויכע לופטן צווישן די וואלקענעס.**

פון דארטן און ווייטער ווערסטו שוין שטייגן און וואקסן בסייעתא דשמיא.

**עלה והצלח!**

## חודש אלול

# דער טיפער באדייט פון דאס 'עת רצון' אין דעם חודש

### חודש אלול: ימי הרחמים והרצון

ווען עס קומען די הייליגע טעג פון חודש אלול, איז מקובל ביי כלל ישראל, ווי עס שטייט אין די **ספרים הקדושים**, אז די טעג ווערן אנגערופן "ימי הרחמים והרצון". די מקור דערפון פארוואס די טעג טראגן דעם נאמען שטאמט שוין פון משה רבינו, ווי מיר וועלן בעזה"י זען בהרחבה אין די קומענדיגע שיעורים.

אבער יעצט לאמיר אביסל אריינגיין אלס הקדמה צו פארשטיין אין וואסערע גרויסע טעג מיר גייען יעצט אריין.

### דער ענין פון אַן 'עת רצון'

יעדע וואך שבת ביי מנחה, פאר פתיחת הארון, זאגט מען א תפילה ווי עס שטייט אין **רמ"א** אין או"ח סימן רצ"ב, די תפילה פון "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה'

עת רָצון". דאס טייטשט אז 'דוד המלך ע"ה האט געדאוונט צום אייבערשטן און געבעטן: "רבוש"ע, איך וויל אז מיין תפילה זאל אנגענומען ווערן אין א צייט וואס איז אַן 'עת רצון' אויבן אין הימל".

א צייט ווען עס איז אן עת רצון אין הימל, דעמאלטס קוקט מען נישט אזוי שטרענג אויפן מענטש, מען דארף נישט האבן אזויפיל זכותים, אפילו אויב דער מענטש אליין איז נישט אזוי ראוי דערצו. דוד המלך, מיט זיין גרויס עניוות, האט געבעטן: "רבוש"ע, ווען איך דאווען זאל זיין אזא מצב פון אַן עת רצון".

איינמאל א וואך, שבת ביי מנחה - אזוי זאגט דער הייליגער **רבי חיים וויטאל** אין 'פרי עץ חיים' (שער השבת פרק כב), און ער בויט עס אויף'ן **זוהר הקדוש** אין פרשת יתרו (דף פ"ח) - איז דא אזא געוואלדיגע צייט פון אַן עת רצון.

דאס הייסט, מיר ווייסן אז 'פתיחת הארון' איז א מורא'דיגע עת רצון, ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש ועוד, אבער שבת ביי מנחה איז דעמאלטס א ספעציעלע געוואלדיגע עת רצון. דערפאר ווען מען עפנט דעם ארון קודש אין אזא גרויסע צייט, זאגט מען דעם פסוק "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן". וכידוע זענען דא ספעציעלע תפילות פון **חרדים**, **של"ה הקדוש**, פונעם **אור החיים הקדוש**, און אין **סידור ר' שבתי**, וואס מען זאגט ספעציעל ביי פתיחת הארון שבת ביי מנחה.

## חנה הנביאה פועל'ט שבת קודש בשעת תפילת מנחה

דער הייליגער **חתם סופר** זי"ע זאגט אין זיינע דרשות (דף שנ"ט עמוד ג') א מורא'דיגע זאך. מיר ווייסן אז 'חנה' האט אויסגע'פועל'ט 'שמואל הנביא' אום ראש השנה, ווי די **גמרא** זאגט אין מסכת ראש השנה (דף ט') אז חנה איז נפקדה געווארן ראש השנה. ווען האט חנה געדאוונט? נישט אינדערפרי, נאָר זי האט געדאוונט נאכמיטאג, ווי עס איז מבואר אין די פסוקים אין נביא.

פרעגט דער חתם סופר: **פארוואס האט זי נישט געדאוונט צופרי?**

ענטפערט ער, אז עס איז געווען ראש השנה וואס איז געפאלן אום שבת, און זי האט געוואלט דאווענען דוקא ביי מנחה, **ווייל מנחה איז א זמן פון אַן עת רצון ווען מען זאגט "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן", און דעמאלטס האט זי געוואלט אויס'פועל'ן איר בקשה.**

דער חתם סופר ניצט דעם לשון: **"ובשבת במנחה מתעורר רצון העליון דבני חיי ומזוני במזל תליא שהוא מזל עליון כידוע"**, און דעמאלטס האט חנה אויסגע'פועל'ט. **דאס פאסירט 'יעדע וואך' שבת ביי מנחה!**

## אלול - א גאנצער חודש פון עת רצון

קומט דער הייליגער **שפת אמת** זי"ע (שנת תרל"א) און זאגט: דעם גאנצן חודש אלול, פון ווען ראש חודש הויבט זיך אָן, פון די נאכט פון ראש חודש אלול, אלע פיר און צוואנציג שעה, א גאנצע וואך - ווען דו שטייסט אויף צופרי, ווען דו גייסט אין ביהמ"ד, ווען דו גייסט אין געשעפט, ווען דו גייסט אין כולל, צי דיין עבודה איז על המחיה ועל הכלכלה - יעדע רגע פונעם גאנצן חודש אלול, צי עס איז צופרי צי ביינאכט, שטייסטו ממש אין א צייט פון 'רעוא דרעוין'. **דו געפינסט זיך אין א זמן פון אַן עת רצון, ממש אזוי ווי פתיחת הארון שבת ביי מנחה - דאס זענען 'אלע' טעג פון חודש אלול.**

פרעגט דער שפת אמת א מורא'דיגע קשיא: מיר ווייסן דאך אז דער רבוש"ע איז אַן 'אין סוף'. מיר זאגן ביים דאווענען "הַטּוֹב כִּי לֹא כָלוּ רַחֲמֶיךָ, וְהַמְרַחֵם כִּי לֹא תַמּוּ חֲסָדֶיךָ, כִּי מֵעוֹלָם קִוִּינוּ לָךְ". דער טוב וחסד פונעם רבוש"ע איז אָן אַן ענדע, עס ענדיגט זיך קיינמאל נישט.

וואס איז דער פשט אז איך זאג דיר יעצט אז עס איז דא א געוויסע צייט שבת ביי מנחה וואס איז אַן עת רצון, אדער יעצט דער גאנצער חודש אלול? וואס גייט דא פאָר? מיר ווייסן דאך אז דער רבוש"ע איז אַן 'אין סוף' און ער איז א 'טוב ומטיב' א גאנץ יאר!

נאך מער. אין פסוק שטייט (דברים ד, ז) "כִּי מִי גוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹהִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹהֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו", מיר קענען רעדן צום אייבערשטן ווען מיר ווילן. אויב אזוי, **וואס איז דער ביאור און וואס איז אזוי מיוחד אין דעם עת רצון פון שבת ביי מנחה אדער יעצט אין חודש אלול?**

ענטפערט דער הייליגער שפת אמת, **דער רבוש"ע איז אוודאי גרייט א גאנץ יאר צו געבן פאר יעדן אידיש קינד, די שאלה איז נאָר -- צי דו ביסט גרייט עס מקבל צו זיין. די שאלה איז צי דו ביסט ראוי מקבל צו זיין, און צי דו האסט די כלים דערצו.**

לאמיר עס אביסל מסביר זיין מיט א 'משל'.

עס איז געווען א מענטש וואס האט געדארפט א גרויסע הלוואה, ער האט געוואלט אָפּקויפן א ביזנעס פאר צען מיליאן דאלאר. ער האט געהאט א גוטן פריינד א גביר, און דער גביר האט מסכים געווען אים צו געבן דאס געלט. ער האט מיט אים אָפּגעמאכט אז מען פארט אריבער קיין שווייץ, מען גייט דארט אריין אין א באנק, און דארט וועט ער קענען באקומען דאס געלט.

ווען דער טאג איז אנגעקומען, גייט ער אריין מיט דעם גביר אין א גרויסן צימער, א סעיף וואו מען האלט דאס געלט אין באנק. דער גביר זאגט אים: "נו, דו קענסט דא נעמען די צען מיליאן דאלאר". פלוצים כאפט ער זיך: "איך האב נישט מיטגעברענגט קיין זעקלעך!" ער זאגט דארט פאַר'ן פארוואלטער: "געב מיר א מינוט, לאמיך ארויסגיין ברענגען זעקלעך". זאגט ער אים: "ניין, דו קענסט נישט ארויסגיין. עס איז א גאנצע פראצעדור ביז מען קומט דא אריין. אנטשולדיגט, כ'מיין.. וואו איז געווען דיין שכל? פארוואס ביסטו נישט געקומען מיט קיין זעקלעך?"

זאגט דער הייליגער שפת אמת: **כדי א מענטש זאל קענען מקבל זיין די י"ג מדות של רחמים, דארף ער האבן כלים דערפאר.** וואס זענען די כלים? **תורה און מצוות.**

לאמיר צוריקגיין צום משל. דער מענטש ענדליך בעט זיך איין ביים פארוואלטער און לאזט אים ארויסגיין ברענגען כלים און זעקעלעך.

ער גייט ארויס אין בליץ שנעל ברענגט ער גאנצעט זעק, און קומט צוריק אריין אין די באנק ער גייט דורך אלע סעקיוריטי, חדר לפנים מן החדר, און ענדליך קומט מען אָן אינעווייניג. ער הויבט אן ארייגצופּאַקן דאס געלט, אבער פלוצים ער פאלט חלשות, ער זעט ער אז **אלע זעקלעך האבן א לאָך...**

## די כלי צו מקבל זיין די רחמים

דער רבוש"ע, זאגט דער הייליגער שפת אמת, וויל אונז געבן די י"ג מדות של רחמים א גאנץ יאר. עס קומט א דאווענען 3 מאל א טאג, עס קומט שבת קודש, דאס זענען זמנים וואס דער רבוש"ע ברענגט אונז אריין בחדרי המלך אונז אנצופולען מיט א שפע רב, **די שאלה איז נאָר צי דו האסט א כלי? צו די האסט זעק? די האסט תורה? מצוות? שמירת עינים? שמירת הלשון?**

עס זענען דא מענטשן וואס רעדן זיך איין אז זיי האבן א כלי, **זיי לערנען, זיי דאווענען, זיי טוען חסד, "אבער די כלי האט א לאָך..."**

ער לערנט, אבער ער שמועסט אינמיטן לערנען. ער דאווענט, אבער א האלבער דאווענען פארפעלט ער פון פארנט און פון הינטן, ער גייט ארויס פאר 'עלינו'. א האלבער דאווענען האט ער יא כוונה און א האלבער דאווענען נישט. עס קומט א שבת קודש, איין תפילה דאווענט ער מיט התלהבות און די אנדערע נישט. איין סעודה זינגט ער זמירות און די אנדערע סעודה רעדט ער דברים בטלים --- **"דאס זענען לעכעריגע כלים"**.

זאגט דער הייליגער שפת אמת, אז דער רבוש"ע וויל אונז געבן רחמים א גאנץ יאר, אבער עס קומט א צייט וואס ווערט אנגערופן אַן 'עת רצון', ווען **דער רבוש"ע זאגט אז אפילו אויב דו ביסט נישט ווערד**, "בארגט אונז דער רבוש"ע כלים", **און העלפט אונז אז מיר זאלן קענען באקומען די י"ג מדות הרחמים.**

אבער דער שפת אמת זאגט א מורא'דיג ווארט, וזל"ק: **"וגם זה תלוי באדם"** - זאלסט וויסן, אז אפילו אין די טעג פון חודש אלול, אדער שבת ביי מנחה, אפילו אין אזא צייט **ווענדט זיך עס נאך אלץ אין דיר**. ער זאגט דארט טיפע זאכן, **"כפי מה שמבטל רצונותיו ועושה כל המעשים במדה שלא יתפשט לחוץ"**. אבער די נקודה וואס דער שפת אמת אנטפלעקט אונז איז, אז עס ווענדט זיך וויפיל דו גייסט זיך צושטעלן.

אוודאי בארגט דיר דער רבוש"ע יעצט זעקלעך, און גיט אונז כלים. די שאלה איז נאָר צי מיר ווילן גיין אויפפיקן די זעקלעך? צי מיר ווילן גיין נעמען די כלים?

עס איז אזוי ווי צו מיר ווילן פּאָרן קיין שווייץ, אויפפיקן דאס געלט, אבער מיר זענען אביסל פארשלאפן... מיר טראכטן: **"נע, מען האט נאך צייט.. עס איז ערשט ראש חודש אלול, דארף מען שוין עפעס אנפאנגען אנהייב חודש? איך האב נאך צייט, א וואך פאר סליחות, אדער ביי סליחות.."**

## די הייליגע ימי אלול וסליחות ביים הייליגן בעלזער רב ז"ע

עס איז ידוע פונעם הייליגן **בעלזער רב**, הרה"ק מהר"א זי"ע, אז אין בעלזא איז געווען א פחד נורא ווען עס זענען געקומען די הייליגע טעג. זיין טאטע, דער הייליגער **מהרי"ד מבעלזא** זי"ע האט א גאנץ יאר, צוליב זיין גרויס קדושה, נישט געדארפט קיין קאלדרע ביינאכט.

אבער **ווען עס זענען געקומען די הייליגע טעג האט מען געדארפט ברענגען "גאנצע קאלדרעס" ווייל ער האט אזוי געציטערט פאר פחד!**

**ספעציעל ווען עס איז אהנגעקומען שבת סליחות האט מען געדארפט ברענגען "ווארעם-פלעשער" אנצוווארעמען דעם הייליגן בעלזער רב!**

מיר קענען זיך נישט פארשטעלן וואס פאר א פחד און יראה, א זיסע און געשמאקע יראה, עס איז געווען ביים בעלזער רב ביי די תקיעות.

פאסירט האט איינמאל ביי די טעג פון אלול האט דער היייליגער בעלזא רב זי"ע געפרעגט זיין גבאי - (כידוע האבן זיי גענומען א גבאי וואס וועט נישט געקענט אלץ אויפכאפן אין דערציילן וואס עס טוט זיך און שטוב, ווייל די צדיקים האבן זיך געוואלט אויסבאהאלטן זייערע גרויסע הייליגע עבודה) - ער האט אים געפרעגט: **"שמואל'קל, ווען באקומסטו א התעוררות אין די הייליגע טעג?"** האט ער געענטפערט אז **"פאר די הייליגע תקיעות, ווען דער רב זאגט 'מן המצר', דעמאלטס כאפט אים א התעוררות"**.

(די הייליגע צדיקים האבן זיך אזוי שטארק אפגעהיטן, און ווען זיי האבן געוואלט זאגן מוסר פאר א אידיש קינד, האבן זיי עס געזאגט מיט א גרויסע ליבשאפט). האט דער הייליגער בעלזא רב זיך אָנגערופן: **"שמואל'קל, שמואל'קל, אז מען וועקט זיך אויף און מען ווערט נתעורר ערשט ביי 'מן המצר', איז עס שוין אביסעלע צו שפעט..."**

מיר דארפן וויסן אז מיר גייען יעצט אריין אין טעג וואס חנה הנביאה האט דעמאלטס אויסגע'פועל'ט שמואל הנביא, **יעצט האבן מיר א גאנצע חודש, פיר און צוואנציג שעה א מעת לעת פון עת רצון!**

דער הייליגער שפת אמת זאגט אז מען גיט אונז אלעס 'אומזיסט', אפילו אויב א גאנץ יאר האסטו נישט די ריכטיגע כלים, גיט דיר עס יעצט דער רבוש"ע. אבער ער פארענדיקט: **"וגם זה תלוי באדם"** - אפילו אין די טעג וואס דער רבוש"ע גיט אונז, ווענדט עס זיך נאך אלץ אין אונז.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין אריינצוגיין אין די ימי הרחמים והרצון. דאס אליינס וואס מען הערט א שיעור, מען קוקט אריין אין א ספר, מען הערט א ווארט אדער א סיפור פון א צדיק, דאס אליינס איז שוין אן התעוררות.

אבער ווי דער הייליגער **קדושת לוי** זי"ע ברענגט כסדר פון הייליגן **רמב"ן** זאגט: "אִם תָּעִירוּ וְאִם תְּעוֹרְרוּ אֶת הָאַהֲבָה עַד שֶׁתֶּחְפָּץ" - **מאַך א 'חפץ', מאך א 'כלי'. ביסט נתעורר געווארן? טו צו דער זאך! נעם דיך רוקן, געב א רוק אין לערנען, געב א רוק אין דאווענען, טויש דיינע מעשים, מאך א חשבון הנפש און נעם אָן פרישע קבלות.**

ובעזה"י וועלן מיר זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר!

**די רייכע היסטאריע פונעם עיה"ק 'טבריא של מעלה', א בליק אויף די צדיקים וואס האבן באלאכטן דעם ישוב, און די קדושי עליון וואס זענען דארט נטמן געווארן**

# א שבת אין טבריא של מעלה מיט די געהויבענע סלאנימער חבריא

בעזה"י, מיר גייען יעצט אריין אין די קדושת שבת קודש בהיכלא פון די געהויבענע סלאנימער חבריא, שרפי מעלה, די אריות שבחבורה. זיי זענען געווען רבי'ס פון רבי'ס.

צו האבן א שטיקל הבנה אין א משהו שבמשהו פון וואס מיר רעדן דא, וועלן מיר דערציילן א קליין סיפור איבער די הייליגע געהויבענע סלאנימער חבריא.

עס איז אמאל געווען א איד וואס איז געפארן קיין ארץ הקודש, ער האט געדארפט גיין קיין טבריא פאר רפואה אין די 'חמי טבריא'. פארשטייט זיך, אז ווען ער איז דארט געווען, איז ער געגאנגען דאווענען אין בית המדרש. ווען ער איז אריינגעקומען אין בית המדרש, האט ער פלוצלינג געזען א מחזה הוד, ער האט געזען א בית המדרש פון שרפי מעלה, מלאכי אלקים, מלאכי מעלה בדמות אדם. אין די וואכעדיגע טעג האט ער געהערט שירת המלאכים ביים דאווענען, און ווער רעדט נאך ווען עס איז געקומען שבת, האט ער ממש געשפירט אז ער געפינט זיך אין גן עדן העליון.

ווען ער איז צוריקגעקומען קיין חוץ לארץ, איז ער ערשט געגאנגען צו די שטאט פון זיין שותף. דער שותף איז געווען א חסיד פון איינע פון די גרויסע צדיקי הדור בימים ההם. מיר רעדן דא פון יענע צייטן, א דור דעה, אין די צייטן פון די ערשטע וועלט מלחמה, ווען עס זענען געווען צדיקי הדור נקי הרוח, און ממילא איז ער דארט פארבליבן אויף שבת.

נאך שבת פרעגט אים דער שותף: **"וואס זאגסטו צו די עבודה פון מיין רבי'ן?"**

האט ער געענטפערט: **"עס איז אין לשער ואין לתאר, מען זעט די גרויסקייט, די צדקות, די קדושה, אַהּ, עס איז מורא'דיג! אבער איך וויל דיר עפעס זאגן: איך קום יעצט פון טבריא של מעלה, דארט האב איך געזען אזעלכע צדיקים, נישט נאָר 'איינער', נאָר 'א גאנצע בית המדרש' פול מיט זיי!..."**

ממילא, ווען מיר גייען יעצט אריין אין א שבת אין טבריא, איז דער סיפור אַן הקדמה כדי מען זאל פארשטיין פון וועלכע אידן מיר רעדן דא. מיר רעדן דא נישט סתם פון אידן וואס האבן געדאווענט מיט התלהבות, אדער סתם אידן וואס מען רופט 'געהויבענע חסידישע אידן', מיר רעדן דא פון שרפי מעלה, רבי'ס, און ווי צדיקים האבן געזאגט, **"זיי זענען געווען רבי'ס פון רבי'ס"**.

### צדיקי הדור זענען נהנה מזיו השכינה אין טבריא

הרה"ק **רבי משה מרדכי לעלוב'ער** זי"ע, וואס איז געווען א מלאך אלקים צבקות שוין **ווען ער איז געווען יונג, פלעגט קומען פון ירושלים קיין טבריא נאָר כדי צו הערן דאס דאווענען פון רבי מענדל וועג.**

דער קודש הקדשים **רבי אהרן ראטה** זי"ע, בעל 'טהרת הקודש', **פלעגט ספעציעל קומען קיין טבריא נאָר צו הערן ווי אזוי דער הייליגער רבי נח, דער ברודער פון דעם דברי שמואל, דאווענט.** די גרעסטע רבי'ס פלעגן אהער קומען, ווייל זיי האבן געוואלט נהנה זיין מזיו השכינה.

עס איז באקאנט אז הרה"ק **רבי בונם'ל אטוואצקער** זי"ע, וואס איז געווען פון די גרעסטע פוילישע רבי'ס, א שׂרף און א מלאך אלקים, איז ארויף קיין ארץ ישראל צוליב רפואה אין חמי טבריא. דאס ערשטע מאל ווען ער איז געקומען איז ער דארטן געווען א שטיק צייט, דערנאך איז ער צוריקגעפארן קיין פֿוילן, אבער סוף ימיו איז ער צוריקגעקומען קיין טבריא של מעלה.

ער האט זיך אזוי גוט געטשאטשקעט מיט די הייליגע חבריא, עד כדי כך, ער האט געזאגט א מימרא, אז **עס לוינט זיך צו גיין זעכציג מייל נאָר צו זען די צורה פון רבי מאטקע לידער שבת קודש!**

איבער די געהויבענע חבריא גייען מיר יעצט רעדן, מיר גייען יעצט אריין אין א 'חנוני של בשמים' כדי צו קענען איינזאַפּן דעם ריח פון אט די הייליגע בשמים.

### די געוואלדיגע כח פון סיפורי צדיקים

בכלל דארף מען וויסן די געוואלדיגע כח פון סיפורי צדיקים. עס איז באקאנט וואס דער הייליגער **רמב"ם** זאגט, אז יעדער מענטש האט אין זיך א 'נפש', און ווי באקאנט איז דאס טוישן די נאטורן פון די נפש איינע פון די גרעסטע עבודות פאר וואס מען איז אראפגעקומען אויף דער וועלט, און דאס ווערט באטראכט אלס די 'עבודה קשה שבמקדש'. עס איז איינער פון די שווערסטע עבודות פאר א מענטש צו טוישן זיין נאטור.

זאגט אבער דער הייליגער רמב"ם, אז **דורך סיפורי צדיקים, ווען מען דערציילט דעם שבח פון צדיקים, קען א מענטש טוישן זיין נאטור!**

ווי באקאנט וואס צדיקים האבן געזאגט, ארבעט עס סיי אויף א סגולה'דיגן אופן, **ווייל די כח פון צדיקים גייט אריין אין מענטש, און עס ארבעט אויך דורכ'ן 'כח הציור'.**

דער צדיק יסוד עולם, דער משגיח

**רבי חצק'ל לעווינשטיין** זצ"ל, ברענגט נאך פונעם **אלטער פון קעלם**, אז ווען א מענטש האט א כח הציור און ער זעט א בילד, האט דאס א מורא'דיגע קראַפט צו טוישן דעם מענטש.

דאס זעען מיר ביי די פרשה פון ציצית: "וּרְאִיתֶם אֹתוֹ וּזְכַרְתֶּם אֶת כָּל מִצְוֹת ה'". דורך דעם וואס מען קוקט אויף די ציצית און אויף די תכלת - תכלת דומה לים, ים דומה לרקיע, און רקיע דומה לכסא הכבוד - ווערט מען זוכה צו יראת שמים.

זאגט רבי חצק'ל: **דורך פארציילן סיפורי צדיקים באקומען מיר א כי הציור כאילו מיר זעען יעצט א לעבעדיגע בילד!**

עס איז אויך באקאנט וואס שטייט אין דעם הייליגן ספר 'אמרי פנחס' פון הרה"ק **רבי ר' פנחס קאריצער** זי"ע, אז ווען מען איז עוסק אין סיפורי צדיקים, איז עס אזוי ווי מען וואלט עוסק געווען אין 'מעשה מרכבה'.

## די עבודה פון דערציילן סיפורים ביי די חבריא

דער הייליגער גאון וקדוש, דער צדיק יסוד עולם **רבי אהרן יוסף לוריא** זי"ע, דער בעל 'עבודת פנים', וואס איז אליין געווען פון די גדולי החבריא אין דעם לעצטן דור, שרייבט א בריוו אין זיין ספר (מכתב ב') - וואס איז א באקאנטער בריוו וואו עס שטייען די יסודות החסידות - און ער איז מסביר אז **איינע פון די עיקרי החסידות וואס צדיקים, חסידים ואנשי מעשה האבן איבערגעגעבן פאר די תלמידים פון דור צו דור, איז געווען נאכן דאווענען, ווען מען איז געזעצן ארום דעם טיש ביי א לקח און בראנפן.**

ער ערקלערט דארט אז מען האט געטרונקען בראנפן מיט א שטיקל לקח כדי עס זאל זיין א **פתיחת הלב הגשמי**, און דעמאלטס האט זיך געעפנט דער **לב הפנימי הרוחני**, ווייל דער 'כיסוי' פון דעם לב הרוחני איז דער לב הגשמי. איינמאל מען האט געעפנט דעם כיסוי הלב הגשמי מיט א גלעזעלע בראנפן און א שטיקל לקח, האט זיך געעפנט דער לב הרוחני, די נשמה, און דעמאלטס האט מען דערציילט סיפורי צדיקים מדי יום ביום.

דאס האט אוועקגעשטעלט דעם לגיון של מלך פונעם נעקסטן דור, און דער נעקסטער דור האט ווייטער מחנך געווען דעם קומענדיגן דור מיט די סיפורי צדיקים.

בעזה"י וועלן מיר מאריך זיין בלי"נ אין מאמרים מיוחדים איבער דעם גרויסן ענין פון סיפורי צדיקים, ובפרט די מורא'דיגע מימרות וואס מען האט געהערט פון הרה"ק **רבי מאטל סלאנימער** זי"ע, ווען ער איז געווארן דער ראש החבריא און דער רבי נאך די צווייטע וועלט מלחמה. ער האט דעמאלטס געזאגט דברים פלאים בענין סיפורי צדיקים, און בס"ד וועלן מיר דאס אויסשמועסן אין א מאמר מיוחד.

אבער דא, ווען מיר גייען יעצט אריין אין שבת קודש אין טבריא של מעלה, דארפן מיר אפגעבן א שבח והודאה צום אייבערשטן אז עס איז אונז איבערגעבליבן א געוואלד מיט כתבים און א געוואלד מיט בעלי מספרים וואס האבן איבערגעגעבן פארן נעקסטן דור וואס עס האט זיך אפגעטון דארט א שבת אין טבריא.

## די מעתיקי השמועה און די צוואה איבערצוגעבן די הנהגות

קודם כל, בראש וראשון, **רבי יהודא לייב**, דער טאטע פון רבי מאטל סלאנימער, וואס ער איז געווען דער ריש בחבורה, האט דאך אזוי סאך איבערגעגעבן פארן צווייטן דור. ער פלעגט זאגן פאר זיין אייניקל **רבי ישראל שמעון קאסטעלאניץ** - וואס דער ספר 'מזקנים אתבונן' וואס ער האט איבערגעלאזט פאר כלל ישראל איז אַן אוצר יסולא מפז וואס איז אומשאצבאר - האט דער זיידע רבי יהודא לייב געזאגט פאר'ן אייניקל רבי ישראל שמעון:

**"ווער וועט מיר געדענקען? ווער וועט איבער'חזר'ן מיינע רייד?"**

ער פלעגט שטענדיג זאגן פאר'ן הייליגן **ברכת אברהם** זי"ע, וואס מען פלעגט רופן דעם "דער רבי פון טבריא": **"ווער וועט מיר געדענקען, ווער וועט איבערחזר'ן די מאמרים וואס איך זאג?"**

סוף ימיו האט רבי יהודא לייב געלאזט רופן **רבי משה קליערס**. רבי משה קליערס איז געווען דער 'רב' פון טבריא, ער איז געווען אַן ענק שבענקים.

כדי צו פארשטיין א משהו שבמשהו פון זיין גרויסקייט, דארף מען וויסן אז דער הייליגער **אמרי אמת** זי"ע, וואס איז געווען א רבי אין פוילן פאר העכער הונדערט טויזנט חסידים און פלעגט קומען קיין ארץ ישראל עטליכע מאל, האט מאריך געווען בימים ההם די גרויסקייט פון רבי משה קליערס.

עס איז געגאנגען אזוי ווייט, אז דער **לב שמחה** האט געזאגט פאר רבי משה קליערס'ס א זון: **"מיין טאטע, דער אמרי אמת, איז געווען א חסיד פון דיין טאטן!"** - ער האט אים דערביי אפילו געזאגט א געוויסע הלכה וואס ער האט געטוישט ביי זיך אין שטוב נאָר ווייל רבי משה קליערס האט אזוי גע'פסק'נט!...

דער גאון ישראל מרא דארעא קדישא **רבי יוסף צבי דושינסקיא**, דער ירושלימ'ער רב, איז אנגעקומען קיין ירושלים בלויז עטליכע חדשים פאר רבי משה קליערס איז נסתלק געווארן. ער איז געקומען צופארן פון ירושלים קיין טבריא צו די לויה און האט געזאגט א הספד נורא.

ער האט זיך אויסגעדרוקט אויף אים "ויביטו אחרי משה" מיט מורא'דיגע אויסדרוקן. ביי די הספד האט ער געזאגט, אז **די גאנצע סיבה פארוואס ער האט אנגענומען די רבנות אין ירושלים איז געווען ווייל ער האט געהאלטן אז ער וועט זיך קענען כסדר דורכשמועסן מיט'ן טבריא'ר רב**, און יעצט איז ער ליידער פלוצלינג אוועק. ער האט זייער שטארק באוויינט אזא אבידה גדולה. דאס גיט א שטיקל באגריף פון וועמען מיר רעדן דא.

לאמיר דא צוריקגיין. רבי יהודא לייב האט געלאזט רופן רבי משה קליערס. דער ענק שבענקים, דער טבריא'ר רב, וואס ווי מיר האבן יעצט מסביר געווען האבן אים די גרעסטע צדיקי הדור מעריך געווען, האט געכאפט אזא פחד אז ער האט געפרעגט: "וואס וויל רבי יהודא לייב פון מיר?" ער האט ממש מורא געהאט ווען רבי יהודא לייב האט אים גערופן.

ווען ער איז אנגעקומען, האט אים

רבי יהודא לייב געזאגט אז ער וויל אים איבערגעבן סיפורי צדיקים, זאגנדיג: **"איך זוך עמיצער וועמען איך קען געטרויען".**

ממילא, ווען מיר גייען יעצט אריין אין א שבת אין טבריא און מיר גייען פארציילן וואס דארטן האט זיך אפגעטון, זענען מיר ממשיך די 'צוואה' וואס זיי האבן איבערגעגעבן, וואס זיי האבן געוואלט און נאך וואס זיי האבן משתוקק געווען. אוודאי שטייען זיי יעצט אין גנזי מרומים און האבן דערפון אזוי פיל נחת, און אוודאי 'ממקומו יפן ברחמיו' וועלן זיי זיין א מליץ יושר פאר אונז.

צוואה, און דאס איז געווען זייער וואונטש - א טאג-צוויי פאר זיין פטירה ליגט אים אין קאפ אז מען דארף איבערגעבן פאר די דורות הבאים וואס עס האט זיך אפגעטון אינעם פאריגן דור!

הגם זיי האבן בחייהם שוין אזוי פיל פארציילט, האבן זיי געשפירט אז אפשר האבן זיי עס נאכנישט איבערגעגעבן בשלימות, און מיט די לעצטע כוחות האבן זיי געלאזט רופן די תלמידים, וואס זענען קרויים כבנים, עס איבערצוגעבן.

ממילא ווען מיר גייען יעצט אריין אין "טבריא של מעלה", זענען מיר ממשיך די צוואה, און בעזה"י וועלן מיר זוכה זיין אריינצוגיין אין זייער 'חנוני של בושם'. וויבאלד די צדיקים האבן אזוי פיל פארציילט און איבערגעגעבן, איז אונז געבליבן א גרויסער אוצר כדי מיר זאלן קענען שעפן דערפון.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו אלע גוטע השפעות, זוכה זיין צו "קה אכסוף נועם שבת", און צו "משוך נועם יראתך", א לעכטיגן שבת!

## די צוואה פון רבי יואל אשכנזי

מיר וועלן נאר צוענדיגן דעם מאמר מיט א געוואלדיגע מעשה.

צוויי טעג פאר די פטירה פון **רבי יואל אשכנזי** - וואס ער איז געווען פון די געוואלדיגע עובדים אין די סלאנימער חבריא און איינער פון די גרויסע בעלי מספרים וואס האבן איבערגעגעבן די מעשיות פאר די קומענדיגע דורות - האט ער געלאזט רופן רבי ישראל שמעון קאסטעלאניץ.

עס איז באקאנט אז דער **אלטער תולדות אהרן רבי** זי"ע פלעגט אסאך פאָרן קיין טבריא, און איינע פון די סיבות איז געווען זיך צו וויילן ביי די חבריא, רבי יואל אשכנזי רבי מעדל וועג רבי אהרן יוסף ועוד . ווען מען קוקט אריין אין זיין ספר 'דברי אמונה', זעט מען ווי ער האלט אין איין נאכזאגן פון רבי יואל אשכנזי.

צוויי טעג פאר זיין פטירה האט רבי יואל געלאזט רופן רבי ישראל שמעון. רבי ישראל שמעון איז געקומען צולויפן, ער האט נישט געוואוסט וואס ער וויל, רבי יואל איז דאך געווען אזוי שוואך. האט ער אים געזאגט: **"איך וויל דיר איבערגעבן די סיפורים און די הרגשים וואס מיר האבן געשפירט ווען מיר פלעגן פארן אויף נסיעות צו צדיקים".** - דאס איז געווען זייער דאגה, דאס איז געווען זייער



בס"ד

פארט איר דעם זומער

# אין קאנטרי?

## גליון 'פרדס התורה'

**וועט אי"ה זיין צו באקומען**

**אין ביהמ"ד "כלל ישראל ד'וואודבערן"**

**א יעדן ערב שבת**

# זעטיגט אייער נשמה און באלייכט אייער שבת!

**א פרייליכן און לעכטיגן שבת!**

בהוקרה,

מערכת פרדס התורה

טבלא